# רבני ודייני ק"ק יטב לב דסאטמאר בשליחות הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א באזוכן "תרנגול" עופות פאַרם; קוקן זיך אום פון דער נאנט אויף מהודר'דיגע פראדוקציע

## פיר שעה'דיגע רייזע אונטערגענומען דורך הגה"צ רבי אברהם צבי הלוי וואזנער שליט"א אבדק"ק ור"מ סאטמאר-מאנסי, הגה"צ רבי משה פריעדמאן שליט"א דומ"ץ סאטמאר-בארא פארק, און נאך חשוב'ע מורי הוראה

אן איינדרוקספולע באזוך איז דעם פארלאפענעם זונטאג פרשת בחוקותי העעל"ט פארגעקומען אין די פארמס פון די בארימטע "תרנגול" פלייש פראדוקציע, דורך א חשוב'ע משלחת פון הרבנים הגאוה"צ רבני ודייני קהל יטב לב ד'סאטמאר שליט"א, וואס זענען געפארן בשליחות הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, וועלכע זענען א לענגערע צייט אנוועזענד געווען אויפ'ן ארט און באשטעטיגט די געוואלדיגע הידורים און חומרות וואס די "תרנגול" פלייש ברענגט טאקע פאר אידן מדקדקים בכשרות.

ביי דער דערהויבענער נסיעה האבן אנטייל גענומען די חשוב'ע רבנים היושבים על מדין, וועלכע דינען אויך אלס די בעלי מכשירים אין די סאטמארער פלייש געשעפטן, ה"ה הגה"צ רבי אברהם צבי הלוי וואזנער שליט"א אב"ד קהל יטב לב ד'סאטמאר מאנסי, הגה"צ רבי משה פרידמאן שליט"א דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאטמאר בארא פארק, הרה"ג רבי חיים אהרן אונגאר שליט"א, דומ"ץ קיט"ל דסאטמאר-סאוט אכט, און נאך חשוב'ע מורי הוראה ומומחים בשדה הכשרות.

שוין עטליכע וואכן בעפאר דעם באזוך איז פארגעקומען א העכסט-גייסטרייכע אסיפה בביתו נאוה קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, בהשתתפות חשוב'ע מורי הוראה און מומחים און דעם פעלד פון עופות, וואו עס איז געברענגט געווארן על שלחן מלכים לעבעדיגע 'לעגהארן' עופות, און דערביי איז ארויסגעברענגט געווארן אירע פילע מעלות און הידורים בשדה הכשרות, און דער רבי שליט"א האט דערביי ווירקליך געגעבן זיין פולקאמע צושטימונג און הסכמת קדשו אז די עופות זאלן געשאכטן ווערן אין דעם "בית השחיטה המהודרת" אין קרית יואל, פאר אידן מדקדקים בכשרות, ויאכלו ענוים וישמחו.

נאכפאלגענדיג די אסיפה און בשליחות הקודש פון רבי'ן שליט"א, האבן די חשוב'ע רבנים ומורי הוראה שליט"א אונטערגענומען די לענגערע רייזע, פון פיר שעה אַ וועג, ביז צו דעם פאַרם, כדי זיך אומצוקוקן מיט א נאנטן בליק וויאזוי עס האדעווען זיך די "לעגהארן" עופות, וועלכע זענען ברייט באקאנט מיט זייער ארגינעלע מסורה, זייענדיג דער כשר'ער "עוף" וואס איז באנוצט געווארן אין לויף פון אלע דורות בכל תפוצות ישראל.

אנקומענדיג אויפ'ן פארם זענען די רבנים שליט"א באלד אפגעווארט געווארן דורך די פארמער וועלכע האדעווען די עופות און אזוי אויך די געטרייע מיטארבעטער אינערהאלב די "תרנגול" פראדוקציע. מען האט זיך ארויסגעלאזט אויף א שפאציר זיך צו אומקוקן אויף דעם "לעגהארן" עוף, און באטראכטן זיין געשטעל און ארגינעלע צורה, און זיין וועג פון אויפוואקסן פון ווען עס ווערט געבוירן ביז עס איז גרייט צו ווערן גע'שחט'ן פאר געשמאקע און מהודר'דיגע פלייש.

אויפ'ן ארט האט זיך אנטוויקלט א שיינע תורה'דיגע שמועס ווען די רבנים שליט"א האבן אנגעצייגט אויף די פרעכטיגע געשטעל פון דעם "לעגהארן" עוף, וואס איז גענוי די זעלבע צורה וואס מען געפינט ביי די עופות אין אלע דורות, האבנדיג אלע סימנים און אלע אייגנשאפטן וועלכע ווערן דערמאנט אין די פריערדיגע ספרי שו"ת אלס סימני עוף טהור. ווי הגה"צ רבי משה פרידמאן שליט"א דומ"ץ קיט"ל ב"פ האט זיך אויסגעדרוקט מיט התפעלות אז ווען מען זעהט פון דער נאנט דעם ארגינעלן געשטעל פון דעם "לעגהארן", זעט מען ווי עס האט דעם גענויען בילד פון די פארצייטישע עופות

נאכמער האט הגה"צ רבי אברהם צבי וואזנער שליט"א אב"ד קיט"ל מאנסי ערוועגט אז צוליב דעם וואס די "לעגהארן" עופות ווערן נישט מאדיפיצירט און ארומגעמישט דורך די פירמעס, פארבלייבן זיי מיט די נאטורליכע געזונטע כוחות וואס השי"ת האט ארייגעלייגט אין זייערע קערפער, און עס פעלט זיך נישט אויס צו שטאפן די עופות מיט אנטי-ביאטיק און אנדערע זאכן. זיי וואקסן טאקע פיל מער פאמעלעך און געזונטער און אנטוויקלען כמעט נישט די פילע מיחושים און קרענק וואס מען געפינט ביי אנדערע עופות, וואס פארמיידט אויטאמאטיש אסאך הלכה'דיגע שאלות און קאמפליקאציעס, און מען טרעפט ביי זיי כמעט נישט קיין טריפות.

באזונדער האבן די רבנים שליט"א אויסגעשמועסט די אייגנארטיגע חשיבות און ספעציאליטעט פון דעם "לעגהארן" עוף אז די פארמערס און פירמעס זוכן דירעקט נישט דאס צו מישן מיט אנדערע ערליי עופות, וויבאלד דאס ווערט ביז היינט בעיקר באנוצט צוליב אירע נארהאפטיגע אייער, וואס אויב מען מישט דאס מיט אנדערע עופות פארמינערט עס גאר די קוואליטעט פון די אייער, וואס דעריבער איז דער עוף טאקע פארבליבן נאטורליך און מקוריות'דיג, אן קיין שום שינוים וואס קען זיך מאכן אין די אלגעמיינע פלייש אינדוסטריע.

אויפ'ן ארט זענען אויך אנוועזנד געווען אייניגע חשוב'ע תלמידי חכמים ומורי הוראה שליט"א וועלכע טוען באגלייטן די גאנצע פראצעדור פון די ערשטע מינוט, און האבן אצינד אנגעצייגט פאר די רבנים שליט"א מערערע טעכנישע און הלכה'דיגע איינצלהייטן און פרטים איבער די גרויסע חומרות און הידורים וואס דער "לעגהארן" פלייש פארמאגט, על פי פסקי והוראות גדולי הפוסקים אשר מפיהם אנו חיים.

די רבנים שליט"א האבן טאקע מפליא געווען וויאזוי די גאנצע פראדוקציע פון דעם עוף און דאס פלייש ווערט דורכגעפירט אויף אזא הויכן סטאנדארט אין מסורה און כשרות, דאס אלעס אָן דעם וואס דאס זאל פארמינערן פון דעם געשמאק און טעם פון דאס פלייש, וואס איז ראוי לעלות על שלחן מלכים.

נאך לענגערע שעות פון זיך אומקוקן און דורכגיין אלע דעטאלן פון דער נאנט, האט מען זיך געשטעלט דאווענען א געהויבענעם תפלת מנחה אויפ'ן פארם און מען האט זיך געזעגנט אויפ'ן לאנגען וועג צוריק, אנגעפילט מיט התרגשות און התפעלות פון וואס מען האט מיטגעלעבט.

איבער אלעם, האט דער געהויבענער נסיעה און באזוך כאראקטעריזירט דעם אויסטערלישן כח התורה וואס באגלייט די "תרנגול" פלייש זינט איר ערשטן טאג. אט דער פאקטאר איז טאקע ארויסגעהויבן געווארן דורך אלע אנוועזנדע רבנים שליט"א, אז זעלטן וואס א פלייש פראדוקציע זאל געבויעט ווערן אזוי כל כולה אונטער די פערזענליכע באגלייטונג און אבזערוואציע פון די סאמע גרעסטע גדולי הרבנים והפוסקים שליט"א, וועלכע זענען עומדים על גבם אויף יעדן טריט און שריט און יעדע מינדסטע דעטאל ווערט אויסגעארבעט כדת של הלכה מיט אן אחריות און כובד הראש מהחל ועד כלה, ווען יעדע גרעסערע און קלענערע ריר ווערט דורכגעארבעט און אויסגעשמועסט מיט די רבנים וועלכע טוען דן זיין את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

מחיל אל חיל! שטייענדיג אונטער דעם איינדרוק פון דעם געהויבענעם באזוך וואס האט פעסטגעשטעלט אלע הלכה'דיגע און מסורה'דיגע הידורים פון דעם עוף איז מען באלד צוגעטרעטן צו די אקטועלע פראדוקציע, ווען באלד א טאג נאך אסרו חג שבועות העעל"ט, האט מען בעז"ה אנגעפאנגען שעכטן די עופות אין די סאטמארער "בית השחיטה המהודרת" אין קרית יואל, צו די צופרידנהייט פון אלע שוחטים און בודקים וועלכע טוען באוואונדערן דאס ריינקייט און הידור פון די עופות.

אין די יעצטיגע טעג ווערט ערגענצט די ענדגילטיגע טעכנישע דעטאלן וועלכע ווערן ערמעגליכן צו פארשנעלערן און פארברייטערן די פראדוקציע פון די לעגהארן עוף וואס איז א רעלאטיוו נייע גאסט אין די 'בית השחיטה המוהדרת', אויף א גיכן און אפעקטיוון פארנעם, גענוי אויפ'ן זעלבן אופן ווי די געווענליכע פלייש, מיט די נויטיגע מאשינעריי און טעכניק וועלכע וועלן פארזיכערן געשיקטע און מאסן פראדוקציע נאכקומען דעם גרויסן פארלאנג פון די וועלכע זוכן צו נוצן די מהודר'דיגע "לעגהארן" פלייש פאר אידן מדקדקים בכשרות הבשר און געזונטע עופות.

עס איז ערווארטעט א שטארקער פארלאנג פאר די "תרנגול" פלייש, און דער "בית השחיטה המהודרת" וועט אי"ה צושטעלן גענוג לויט'ן געברויך, אין צגאב צו די אלגעמיינע ריזיגע פראדוקציע מיט וואס דער "בית השחיטה המהודרת" אין קרית יואל איז היינט צו טאגס וועלט בארימט מיט איר אויסגעצייכנטע קוואליטעט און העכסטע סטאנדארט, ברוחניות ובגשמיות.

יאכלו ענוים וישבעו!






כולל וויליאמסבורג

Mailing Address:
Kollel Williamsburg
199 Lee Ave. #725 Brooklyn, NY 11211

Main Location:
Kollel Williamsburg
280 Rodney Street Brooklyn, NY 11211

Tel: (718) 388-1109

א משנה און א הלכה א טאג
אויף א קלארן אידיש

דורך א טעגליכן אי-מעיל אויף אייער קאמפיוטער
אדער סיי וועלכע טעכנאלאגישע כלי וואס נעמט אי-מעיל

שליסט אייך אָן - פריי פון אָפצאָל
מיט טויזענטער אידן וואס לערנען דעם סדר

דורך שיקן אייער אי-מעיל צו:
kolelw@gmail.com



לימוד כל המשניות הוא דבר גדול וקבלה בידי שאינו רואה פני גהינום
(שם הגדולים בשם השל"ה הק')
תנא דבי אלי' כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן עוה"ב
(אלי' זוטא פרשה ב')